א ליכטיגן תמיד
אודיש
פנים מאירות
אננעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

## אור הבוקר

פרייטאג בחקותי תשפ"ב

# יסוד שביסוד

## אן הבטחה פון באשעפער ס'וועט זיין שלום ביי אידן

דער אור החיים הק' זאגט אויפן פסוק אין די וואכנדיגע סדרה, ונתתי שלום בארץ. פרעגט דער אור החיים הק': פארוואס דארף שטיין ונתתי שלום בארץ, אויב עס שטייט שוין פארדעם 'וישבתי בבטח'?

נאר וואס דען, די פסוק גייט ארויף אויפן כלל ישראל אליין, נתתי שלום בארץ, דער הייליגער באשעפער געבט דא א ברכה און אן הבטחה, אז עס וועט זיין שלום, עס וועט נישט זיין קיין פירוד לבבות, עס וועט זיין אהבה אחוה שלום וריעות ביים כלל ישראל.

## דער באשעפער וויל מיר זאלן לעבן אן קיין פחדים

נאך א פשט זאגט דער אור החיים הק'. אז די כוונה פון די פסוק איז אויף כללות העולם, אויף בעצם די גאנצע וועלט. דער הייליגער באשעפער וויל, אז אויף די וועלט זאל זיין שלום. אזויווי מען זעט אז סוכות האט מען געברענגט קרבנות קעגן די זיבעציג אומות העולם. וואס איז פשט? ווייל דער רבוש"ע וויל שלום, נישט נאר ביי די אידן, נאר אויך אויף די גאנצע וועלט, אפילו ביי די אומות העולם! ווייל די טבע איז, אז ווען עס איז דא מלחמות, ציטערט מען, און מען איז דערשראקן, און דער הייליגער באשעפער וויל, אז אידישע קינדער זאלן לעבן מיט שמחה, פרייליך און לעכטיג, ושכבתם, מען זאל קענען שלאפן, ואין מחריד, מען זאל נישט ציטערן.

## מען טאר נישט גורם זיין קיין פחד פאר קיינעם

די מוסר השכל פון דעם איז דאך מורא'דיג, אז וואס? אז יעדער איד דארף מאכן זיכער אז קיין איין איד לעבט נישט אין פחד פון אים, קיינער האט נישט מורא אז א צווייטער איד וועט אים שלעכט טון, קיינער האט נישט מורא אז יענער וועט אים בארעדן און באזינגן,

קיינער האט נישט מורא אז יענער וועט אים צונעמען, קיינער האט נישט מורא איין איד פונעם צווייטן. מען דארף מחנך זיין די קינדער, די בחורים, די מיידלעך, אינגעלייטלעך, ווייבלעך, אלע אידן: א איד טאר קיינמאל נישט ווארפן א פחד אויף אנדערע אידן, ווייל דער הייליגער באשעפער זאגט, אז ווען עס איז דא פחד פון איין איד אויפן צווייטן, איז נישט דא שלום בארץ, ונתתי שלום בארץ, אויף די גאנצע וועלט זאל זיין שלום, אפילו ביי די אומות העולם, ווייל ושכבתם ואין מחריד, ווייל דער הייליגער באשעפער וויל אז אידישע קינדער זאלן נישט לעבן אין א ציטער. איין ציטער זאל א איד האבן, פון צו טון אן עבירה, יראת שמים. פון עפעס אנדערש פון א בשר ודם, זאל מען נישט מורא האבן. און דאס איז אן אחריות פון א יעדער איד, וואס דער הייליגער באשעפער פאדערט פון אונז, און דער הייליגער באשעפער זאגט אונז צו, אז ווען אונז וועלן היטן די תורה וועט זיין שלום, קיינער וועט נישט דארפן ציטערן, ווייל תורה איז אחדות, תורה איז אמונה שלום בטחון שמחה, פנים מאירות דאס איז תורה.

## א איד שרייט נישט אויף קיינעם און פארשעמט - ער שרייט 'קום העלף מיר'

אזויווי עס איז די יארצייט היינט פון רבי שלמה'קע זוועהילער זצוק"ל (ספירת יסוד שביסוד), איז דאך דא אסאך מעשיות וואס מען פארציילט אויף אים, ובפרט בבין אדם לחבירו, אונז פארציילט מיר כסדר מעשיות פון אים, וועלן מיר יעצט פארציילן מעשיות לעיליו נשמתו, אז אידישע קינדער זאלן קענען הערן די מעשה, איבערדערציילן די מעשה, און מקיים זיין די מעשה, און דורך דעם ווערן מיר מקושר צו די פריערדיגע צדיקים, ויאמינו בה' ובמשה עבדו, און אין די זכות וועט זיין נשמה הקדושה והטהורה זיין א מליץ יושר פארן כלל ישראל, משפיע צו זיין אלע השפעות און אלעס גוטס, ישועות און רפואות פארן כלל ישראל.

עס איז באקאנט, אז ווען מען פלעגט קומען צו רבי שלמה'קע זוועהילער, זיך איבעררעדן פארצווייגטע זאכן, למשל נישט געזונטע וואס זענען אין א מצב סכנה ח"ו וכדומה, פלעגט ער גיין אין מקוה, און זיין גבאי רבי אלי' ראטה איז געשטאנען נעבן די מקוה, און פארגעליינט די שאלה אדער פארגעליינט די קוויטל, און דער הייליגער רבי שלמה'קע האט זיך גע'טובל'ט און דערנאך האט ער געענטפערט, און אזוי פלעגט ער איבערחזרן די שאלה, און זיך נאכאמאל זיך טובל'ן און אזוי האט ער געגעבן תשובה.

איינמאל ווען רבי שלמה'קע האט זיך אזוי גע'טובל'ט אין די מקוה, און דער גבאי האט פארגעליינט די קוויטלעך פארן הייליגן צדיק, איז איינער אריינגעגאנגען אין די מקוה, און ער האט אנגעפאנגען ליצנות מאכן פון די הייליגע זוועהילער רבי, און ער האט געזאגט, אויף אזא קול אז דער רבי זאל הערן: "אויסטערפונגען? דמיונות? מען פרעגט שאלות, מען גייט אין מקוה, און מען פארציילט נאך אז דאס איז תשובות מן השמים"... און אזוי האט ער מבזה געווען און אוועקגעמאכט און זייער

שטארק פארשעמט און געזאגט שארפע ווערטער קעגן דעם הייליגן רבי שלמה'קע זוועהילער.

ווען דער הייליגער רבי שלמה'קע איז ארויסגעקומען פון מקוה, האט ער געבעטן פונעם גבאי רבי אלי' ראטה, ער זאל גיין צום מקוה איד און פרעגן, ווער איז געווען דער איד, און וואו ער וואוינט. דער גבאי האט זייער מורא געהאט פון די קפידה פונעם רבי, ער האט מורא געהאט אז דער רבי שלמה'קע וועט יענעם באשטראפן. אבער רבי שלמה'קע האט נישט מוותר געווען, "דו מוזט מיר שוין זאגן ווער דער איד איז, און וואו ער וואוינט!". בלית ברירה האט דער מקוה איד געזאגט פארן גבאי'ן, און דער גבאי האט געזאגט פארן רבי'ן.

האט דער רבי געזאגט פארן גבאי רבי אלי' ראטה: "גיי מיר שוין אריבער צו דעם איד!". דער רבי אלי' פארציילט, אז עס האט זיך אים געווארפן פחדים! ווייל ער האט נישט געוואוסט וואס דער רבי גייט טון בקדושתו וטהרתו, ער גייט דא מעניש זיין א איד, ער האט געציטערט! מען איז אנגעקומען צו די הויז פון דעם איד, רבי אל' ראטה קלאפט אויפן טיר, דער איד האט אויפגעמאכט, און אזויווי ער זעט דעם רבי ר' שלמה'קע שטייט דארטן, איז אים געפאלן א פחד, און דער הייליגער רבי שלמה'קע זוועהילער מיט זיין ווייער הארץ, מיט זיין ווארעם הארץ, מיט א שמייכל, מיט א געשמאק, נעמט ארויס א פעקל געלט, און ער געבט עס פאר דעם איד. און ער זאגט: "דא האסטו, האב נישט מורא!".

דער איד איז אינגאנצן דערשראקן געווארן, און ער האט זיך גענומען וויינען. און רבי שלמה'קע שטייט דארטן, און אזויווי ער האט געענדיגט וויינען האט ער געזאגט, רבי, ער האט נישט קיין ברויט צו עסן, זיינע קינדער גייען אויס ממש פון הונגער אויף ברויט, עס איז א מורא'דיגע מצב פון הונגער, און ער דארף האבן אסאך הילף, ער זאל קענען געבן פאר די קינדער עסן, טרינקן, קליידונג. די עניות איז שרעקליך! אבער ער שעמט זיך צו בעטן פון מענטשן נדבות, און יעצט, זאגט ער פארן רבי'ן, איך האב נישט קיין ווערטער צו דאנקן דעם רבי'ן אויף די געלט וואס דער רבי האט אונז געברענגט, דער רבי האט מיר ממש געראטעוועט! און ער זאגט: "רבי, זיי מיר מוחל, איך בעט איבער דעם רבי'ן!". פיין, רבי שלמה'קע האט געשמייכלט: "איך בין דיר מוחל, ניץ עס געזונטערהייט!". און אוועקגעגאנגן פון דארט.

ווען מען איז אוועקגעגאנגן, האט דער רבי מסביר געווען פאר רבי אלי' ראטה, פארן גבאי'ן: זאלסטו וויסן רבי אלי', פון די מעשה וועסטו זיך לערנען הדרכה אויף דיין גאנצן לעבן. זאלסטו וויסן, אז ווען א איד פארשעמט דיך און ער זאגט שארפע ווערטער, און ער זאגט פארקערט ווי ברכות ח"ו, זאלטו וויסן, ער מיינט דיך בכלל נישט! ער שרייט ארויס זיין ווייטאג פון הארץ! אזויווי דער איד וואס האט נישט געהאט קיין ברויט אין שטוב, און די ווייב און קינדער האבן זיך אזוי צאמגעוויינט, און ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון, האט ער זיך ארויסגעשריגן.

ווען א איד שרייט - זאגט רבי שלמה'קע זוועהילער - דארף מען הערן וואס ער שרייט, און מען דארף פארשטיין פון צווישן די שורות אז עפעס טוט אים וויי, און ער זוכט הילף

שנעל, מען דארף אים גיין ראטעווען. ווען דו וועסט זען, ער וועט אויפהערן שרייען. אזוי האט רבי שלמה'קע געזאגט פאר זיין גבאי'ן רבי אלי' ראטה. אויב מען דערהערט אז אין די שרייען פון א איד איז דא עפעס א טיפן צעבראכן הארץ און מען העלפט אים אין זיין מצב, שרייט ער שוין נישט.

א איד דארף וויסן, אז א איד האט נישט קיין שנאה אויף א צווייטער איד, נישט דא אזא זאך! איי דו זעסט אז א איד שרייט? דו זעסט א איד פארשעמט? דו זעסט א איד זוכט צו מאכן מחלוקת? עפעס באדערט אים, עפעס שטערט אים! ענטפער נישט, פיר נישט קיין מלחמות, העלף אים, לייג זיך אריין אין זיין מצב און זע וואס מען קען אים מאכן גרינגער דאס לעבן. אוי וועסטו זען וואס פאר א הייליגער ווארים ליבלעך הארץ דער איד איז, וואס פאר א חשובער איד ער איז. אלע מחלוקת, אלע שנאה וועלן בטל ווערן.

## אידן זענען באחדות מצד די פנימיות הנשמה

מען זאגט נאך פון צדיקים. די שבטים האבן געזאגט פאר יוסף הצדיק 'כלנו בני איש אחד נחנו' מלאכי שרייבט (ב, י): 'הלא אב אחד לכולנו', מיר זענען אלע 'בנים למקום', אונז האבן א טאטע אין הימל, דער מלך מלכי המלכים הקב"ה, און מיר זענען אלע זיינע קינדער. אלע מחלוקת, און אלע שנאת ישראל איז נאר מצד די גשמיות'דיגע, חיצוני'שע, בהמי'שער גוף. די נשמות הקדושים ביי כלל ישראל זענען באחדות. א ראיה האסטו, אז ווען דו הערסט ח"ו אז דארט און דארט איז געשען עפעס א צרה, יעדער איד שאקלט זיך אויף, נישט קיין חילוק וואסערע לבוש ער גייט, און וואו ער דאווענט, און וואסערע חסידות ער איז, און וואסערע מנהגים ער פירט זיך. אזוי ברענגט דער עמוד עבודה (דרוש גלות השכינה אות ז), אז יעדער איד ווען ער הערט אז א צווייטער איד האט א צרה, און ח"ו מען הערט אז עס איז דא אין אקריינא מלחמות, און די אידן דארטן זענען אין א סכנה, גאנץ כלל ישראל ציטערט אויף, מען גיבט געלט און מען איז מתפלל, און מען ווערט דערשראקן. דארט זעסטו, אז בעצם, טיף טיף אין יעדע אידישע נשמה איז דא אן אהבת ישראל. עס איז נאר א חיצונישע תאוות, קנאה, שנאה, כבוד, די נפש הבהמי וואס רודפ'ט אונז צו מאכן מחלוקת און האבן פירוד לבבות, און טענות איין איד אויפן צווייטן. די נשמות הקדושות והטהורות פון כלל ישראל, כלנו בני איש אחד נחנו, און ממילא, ווי מער א איד וועט זיך ארייילייגן אין אמונה, אין בטחון, אין שמחה, אין שלום, לעבן מיט די תורה, לעבן מיט דער אייבערשטער, איז נישט שייך צו זיין ברוגז אויף קיין שום איד נישט.

## גרויס הצלחה ווען מען גיבט זיך אוועק פאר א צווייטן איד

האט א איד פארציילט א מורא'דיגע מעשה פון דעם ל"ג בעומר. פארציילט ער אזוי: עס איז דא נעבעך א איד, ער איז נישט אזוי אלט, אבער ער איז נישט געזונט, ער שלעפט זיך שווער, ער דארף זיך אנלאנען אויף איינעם, דער באשעפער זאל העלפן ער זאל האבן א

ישועה. דער איד האט געוואלט גיין ל"ג בעומר תשפ"ב אויף מירון, האט ער געבעטן איינער ער זאל אים באגלייטן, אבער אים באגלייטן מיינט, מען גייט שטייט, אלעס נעמט שטייט, און ביז מען קומט צוריק, ווייל דער איד איז נישט אזוי געזונט און זיין גוף ארבעט נישט שנעל. דער איד האט געזען אז די צייט ריקט זיך, און ער האט זיך זייער געיאגט, ער האט געוואלט זיין אינדערהיים פרי, איז ער צוגעגאנגען צו א צווייטער איד, און געבעטן פון יענעם, ער זאל אים איבערנעמען. און דער צווייטער איד האט דאס אנגענומען. ל"ג בעומר, מען גייט צו רבי שמעון, א זכות פון חסד, הלוואי!

יענער איד האט ארויפגעטראגן דעם איד שטייט, דורכגעגאנגען, מתפלל געווען, און דארט געווען ביים טאנצן, און דערנאך האט מען זיך אויסגעדרייט צוריק אהיים צוגיין. שוין מען איז אנגעקומען אהיים בשעה טובה ומצלחת, רופט אן דער איד, וואס האט למעשה געטראגן דעם שוואכן איד אויף מירון, רופט ער אן דעם אינגערמאן וואס האט געדארפט אים טראגן, נאר האט אים איבערגעגעבן, ער וויל אים זאגן, ער האט געטון זיין שליחות, ער איז געווען, און מען איז שוין אינדערהיים, ער זאל זיין רואיג.

אזויוי ער רופט אים אן, און ער זאגט אים, ער איז שוין אינדערהיים. פרעגט ער: ווען ביסטו אנגעקומען אהיים? זאגט ער אים: ער איז שוין לאנג אינדערהיים! זאגט ער אים: דו ווייסט, ער איז ארויפגעגאנגען פריער, ווייל ער האט נישט געווארט ביז דער שוואכער איד שלעפט זיך, און ער איז נאך אלס אין מירון, ער איז נאך בכלל נישט אינדערהיים! דער רבוש"ע האט אזוי צוגעפירט, אז דא האט זיך געמאכט אן עיכוב, און דארט האט זיך געמאכט אן עיכוב, און דא איז ער געגאנגען אויף די נישט ריכטיגע זייט, אין מציאות איז אויסגעקומען, אז דער איד וואס האט געטון חסד, ער האט זיך נישט געיאגט, ער גייט העלפן א איד, ער איז געגאנגען און געקומען, און דער וואס האט זיך געיאגט, איז אנגעקומען אסאך שפעטער, ער האט אלעס פארשפעטיגט!

ווייסט פארוואס? אונז זעמיר נישט אין הימל, אבער אזופיל ווייסן מיר, אז ווען א איד טוט חסד, א איד לעבט, מיט זיך אוועקגעבן פאר אנדערע אידן, די הצלחות החיים, די שמחת החיים, די השפעות, די סייעתא דשמיא, איז עד אין לשער!

## לעב רואיג און פרייליך אן קיין דאגות

אין די וואכעדיגע סדרה שטייט, דער הייליגער באשעפער זאגט: 'ואכלתם לחמכם לשובע' זאגט דער אלטער פון נאווארדיק ז"ל, עס איז נישט נאר אן הבטחה און א ברכה וואס דער הייליגער באשעפער גיבט, נאר עס איז א ציווי, דער הייליגער באשעפער באפעלט אונז. ווייל למעשה, אין די וועלט, אז עס איז נישט דא גענוג עסן אין שטוב, הייבט מען אן מצמצם צו זיין, ווייל מען האט מורא אז מען וועט מארגן נישט האבן, און עס ווערט איבערגעשטרענגט אין שטוב, נעם נישט! טרינק נישט! עס וועט נישט איבערבלייבן!... און עס ווערט א מורא'דיגע אנגעשטרענגקייט, עס נעמט

אוועק די שמחת און נעימות החיים. אבער עס האט נאך א שטערקערע פראבלעם, עס פעלט דא אמונה און בטחון, דו האסט דאגות מחר. זאגט די תורה הקדושה ביי שמיטה: ואכלתם לחמכם לשובע, עסט צום זעט, קארג נישט, זארג נישט אויף מארגן, ווייל דער הייליגער באשעפער וועט דיר געבן. ברענגט אריין יעצט שמחה אין שטוב, מיט א רואיגקייט און א פרייליכקייט, און דאגה נישט אויף מארגן און אויף איבערמארגן, לייגט נישט א לחץ יעצט אויף מארגן און אויף איבערמארגן, לעב פרייליך, דער הייליגער באשעפער וועט אונז אלעס צושטעלן.

## היכי דמי בטחון?

דער הייליגער רבי שלמה'קע זוועהילער זצ"ל האט אמאל געזאגט פארן גבאי רבי אליה ראטה ז"ל: דו ווילסט וויסן וואס מיינט בטחון? איך וועל דיך פארציילן א מעשה!

אין זוועהיל איז געווען די מנהג אז מען פלעגט מאכן א שידוך ביי די צוועלף יאר, און די חתונה האט מען געמאכט דריי יאר שפעטער ביי די פופצן יאר. די דריי יאר איז מען ארומגעגאנגן נאך געלט, צאמצושטעלן געלט חתונה צו מאכן.

האט רבי שלמה'קע פארציילט: איך האב געקענט א איד וואס האט געוואוינט אין זוועהיל, וואס האט געמאכט א כלה זיין טאכטער, און אזוי ווי מען האט זיך געפירט אין יענע יארן אז פון די כלה ווערן ביז די חתונה דארף מען צאמשטעלן געלט, האט ער צאמגעשטעלט אסאך געלט ב"ה.

איין טאג האט דער איד געטראכט ביי זיך: די גמרא ברענגט דאך (ביצה טז.) 'כל מזונותיו של אדם', אלע שפייז פון א מענטש, 'קצובין לו מראש השנה עד ראש השנה' אויסער הוצאות שבת ויום טוב, האט דער איד געזאגט: הוצאות שבת ויום טוב איז דאך נישט אריינגערעכנט, עס איז נישט נאר די הוצאות שבת ויום טוב פאר זיך, נאר יעדע געלט וואס מען געבט פאר הוצאות שבת ויום טוב, אפילו פאר אנדערע אידן, איז אויך נישט אינעם חשבון. אין זוועהיל איז דאך דא אסאך ארעמעלייט וואס האבן נישט קיין געלט איינצוקויפן פאר שבת, גייט ער נעמען די געלט וואס ער האלט אינמיטן צאמשטעלן פאר חתונה מאכן, וואס דארף ער עס אוועקלייגן? ער גייט עס געבן פאר ארעמעלייט, וואס זאלן האבן אויף שבת און יום טוב, און די געלט איז דאך נישט אינעם חשבון! קומט אויס א מורא'דיגע זאך - זאגט רבי שלמה'קע - האט דער איד געטראכט: די ארעמעלייט האבן פארדינט, זיי האבן אויף שבת און יום טוב, און דער איד האט גארנישט שאדן געהאט פונעם געשעפט, ווייל דאס רעכנט מען נישט אראפ, ער גייט זיכער האבן געלט אויף חתונה מאכן! און אזוי האט ער טאקע געטון, און פון דעמאלסט און ווייטער האט ער אנגעפאנגן יעדע מיטוואך צו געבן א שיינעם סכום פאר ארימעלייט, און דער הייליגער באשעפער האט טאקע געהאלפן, אז ווען עס איז געקומען די חתונה האט ער געהאט אלעס וואס מען האט געדארפט, און פון דעמאלסט און ווייטער איז געווארן די מנהג אין זוועהיל, אז יעדע ערב שבת גייען ארויס אנגעפילטע וועגענער מיט אלע צרכי

שבת און מען טיילט עס אויס פאר די ארעמעלייט!

דאס הייסט אמונה! דאס הייסט בטחון!

אזוי האט רבי שלמה'קע געזאגט פארן גבאי רבי אלי'. דער רבי אלי' האט געהערט די מעשה, און ער האט נישט געפרעגט ווער דער איד איז געווען. נאך די הסתלקות פון רבי שלמה'קע, האט רבי אלי' געפרעגט פון זיין זון רבי גדליה משה זצוק"ל, טאמער ער ווייסט ווער דער איד איז געווען? האט ער אים געענטפערט: יא, דאס איז געווען דער טאטע, רבי שלמה'קע, אליינס!

דאס איז א געוואלדיגע מדה פון בטחון!

## אחדות א צינור לפרנסה

אין ספר יכהן פאר-בענדין ברענגט ער פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע. ישעי' הנביא זאגט 'מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע טוב משמיע ישועה'. האט געזאגט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע: בעקבותא דמשיחא וועט נתרבה ווערן ח"ו די מחלוקת און שנאת חנם, און דורך דעם וועט נתקלקל ווערן די צינורות פון שפע הפרנסות בני ישראל, עס וועט קאליע ווערן די צינורות, די פייפס, וואס ברענגען אראפ השפעות פרנסה פאר אידישע קינדער, אבער עס וועט זיין א מורא'דיגע לחץ און א מורא'דיגע דחק, ווען דאך די תלמידי חכמים נתעורר ווערן, די חרדים לדבר ה' וועלן צאמנעמען אלע אידן באגודה אחת, און מאכן שלום צווישן זיי, און דאס וועט גורם זיין אז די גאולה שלימה זאל קומען, אליהו הנביא וועט קומען מבשר זיין בשורות טובות ישועות ונחמות.

מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום, די ערשטע זאך מען וועט קומען און אויסרופן אז מען גייט מאכן שלום, און דערנאך, מבשר טוב משמיע ישועה!

מיר זענען יעצט אין עקבתא דמשיחא, מען זעט טאקע ווי די יצר הרע פארלייגט זיך אויף מחלוקת, אויף שנאת חנם, אויף גארנישט און אויף נישט, אויף קנאה שנאה תאווה און כבוד. מיר דארפן פרנסה, מיר דארפן שטעלן די מארקעט אויפן פלאץ, די פרייזן פון געז, פון עסן און קליידונג, אלעס זאל זיך שטעלן אויפן פלאץ. אז עס איז דא שלום, איז דא א צינור פון פרנסה, עס ברענגט די גאולה, עס ברענגט מבשר טוב, גוטע בשורות, לאמיר זיך שטארקן. האטס א פרייליכע לעכטיגן שבת, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

**קול פנים מאירות:** שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א
**צענטראלע נומער:** 845-414-0076 | **א"י:** 072-370-1823 |
**ענגלאנד:** 0330-350-3190 | **ארגענטינע:** 5411-2152-7691
| **אנטווערפן:**323-346-0673 | **מאנטריאל:**438-228-2500

# אור לנתיבתי

## בלבול המחשבה ביי גרויסע מצבים

מענטשן וואס זיי מוטשענען זיך אויף בלבול המחשבה האבן אנגעפרעגט אזא שאלה: וויאזוי מען גיבט זיך אן עצה אין אזא פאל? למשל, עס קומט יעצט כ"א אדר, אסאך אידן פארן צום ציון פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך, אבער זיי האבן אזא אנגעשטרענגקייט, מען גייט פארן, מען גייט קומען, שמירת עינים, מנין, זמן קרית שמע, זמן תפילה, הכנות, מקוה, קאווע, עסן, שלאפן... עס ווערט אזא גאנצע בלבול המחשבה. און ממילא, שוין, ענדערשער בלייבן דא...

פון די אנדערע זייט, פארוואס פארסטו נישט? קענסט דאך פועל'ן גרויסע ישועות? אבער איך האב דאך נישט קיין כח צו פארן! וואס הייסט, דארפסט זיך איבערשטרענגן!...

די מחשבות גייען אהין און צוריק, ארויף און אראפ, און מען האט נישט קיין מנוחה.

און נאכדעם קומט צו נאך א בלבול המחשבה. איך וועל מיך שוין איבערשטרענגן, איך וועל שין פארן, איך וועל שוין דארט זיין. אבער איך ווייס דאך, אז מיינע מחשבות גייען נישט זיין מיט מיר. איך וועל זאגן די תהלים טריקענערהייט, קאלטערהייט, איך וועל דאווענען, איך וועל נישט שפירן אן התקרבות, א דערהויבנקייט, א געוואלדיגע התרוממות הנפש. איך וויל אבער

**פארן און צוריקקומען מיט א געוואלדיגע התרוממות מיט הרגישים, מיט התרגשות, מיט דערהויבנקייט. איך וועל ממש שפירן אז איך האב מיך אויסגעשמועסט מיט רבי ר' אלימלך, איך ווייס אז עס גייט נישט געשען. ממילא וויל איך נישט פארן.**

**אבער פון די אנדערע זייט, איך וויל יא פארן... די בלבול המחשבה צעמישט זייער שטארק, און שטערט זייער שטארק די רואיגקייט. וויאזוי קען מען בארואיגן די מחשבות, און טון די ריכטיגע?**

תשובה: די ערשטע זאך דארף מען ביי זיך באשליסן, אן די בלבול המחשבות, באמת, וויל מען פארן אדער וויל מען נישט פארן? אמאל איז דא א מענטש וואס האט נישט ליב צו פארן אויף א פליגער, אמאל איז דא א מענשט וואס האט נישט ליב אוועקצוגיין פון זיינע ד' אמות, פון זיין טיש, פון זיין בענקל, פון זיין בית הכסא, פון זיין בעט, פון זיין קאך, פון זיין סדר היום... קודם דארף א מענטש באשליסן: וויל ער פארן אדער וויל ער נישט פארן?

אויב ער וויל פארן, נאר עס איז דא אנדערע פראבלעמען וואס ער האט אין זיינע נאטורן, איינמאל ער האט קלאר געמאכט: יא, ער האט נישט מורא פון קיין פליגער, ער האט נישט קיין פראבלעם פון קיין פליגער, שמירת עינים, ער גיבט זיך אן עצה, די פאר טעג איז ער נישט מקפיד אויף זיין בעט, אויף זיין טיש, אויף זיין עסן, אויף זיין בית הכבוד, אויף זיין קאווע, מקוה... ער פארט מיט א חבורה, ער האט נישט די פראבלעם. די פראבלעם איז טאקע באמת, נאר פשוט, די בלבול המחשבה. אין אזא פאל איז עס סאך גרינגער.

איינמאל ער האט קלאר געמאכט ביי זיך, אז עס איז נישט דא קיין שום זייטיגע זאך וואס שטערן אים, מאכט ער א יישוב הדעת, און ער זעצט זיך אראפ פאר זיך, און א בחינה פון התבודדות, און ער זאגט אזוי: אדער יא אדער ניין, אדער פארט מען אדער פארט מען נישט. בלבול המחשבות גייט נישט זיין דא! איך פאר מיר האב איך איבערגעטראכט אלע

שוועריגקייטן פון פארן, פון ווען מען פארט ארויס ביז ווען מען קומט צוריק, איך האב מיט דעם נישט קיין פראבלעם, אויב עס איז דא זאכן וואס שטערן, זאל זיין אזוי, זאל זיין אזוי, איך וויל פארן, איך וויל זיין ביי רבי ר' אלימלך!

יעצט קומט א מחשבה און זאגט: פיין, האסט שוין אלעס דורכגעבראכן, אבער דארט ביי רבי ר' אלימלך, וועסטו נישט קענען געהעריג אינזין האבן, וועסט פארלוירן ווערן, וועסט ווערן צעשטיפט, וועסט זיין מיד, און בכלל עס איז דא מענטשן וואס זיי האבן א נאטור, אז פון בלבול המחות קענען זיי נישט מאכן א צמצום המח, ווען עס ווערט אנגעשטרענגט. עס איז דא מענטשן וואס זיי קענען נישט מצמצם זיין די מח ביי תקיעת שופר, זיי קענען נישט מצממצם זיין די מח ביי קריאת המגילה, ער קען זיך צוגרייטן, אבער ווען עס קומט למעשה ווערט ער אינגאנצן פארפרוירן. און די זעלבע זאך, ער פארט צו רבי ר' אלימלך, ער וואלט געוואלט האבן אן התעוררות, אן התרגשות, ער וואלט געוואלט שפירן ווי רבי אלימלך האט אנגענומען זיינע תפילות, ממש ווי ער רעדט צו רבי אלימלך אליינס! ער ווייסט אבער, אז ער האט די נאטור פון בלבול המחשבות, ער האט טאקע אלעס מסדר געווען, ער האט נישט מורא צו פארן, ער איז צופרידן צו פארן, אבער אין מציאות, עס וועט קומען למעשה, וועט ער ווערן אזוי פארפרוירן, ער וועט שפירן ער האט זיך סתם אפגעדאווענט. נאכדעם וועט ער אנפאנגן צו טראכטן: פארוואס ביסטו געפארן? וואס האסטו אויפגעטון?

די תשובה אויף דעם איז: ער זאל זאגן פאר זיך: אזוי דאווען איך, איך פאר צו רבי אלימלך און אזוי דאוען איך! אזוי הער איך שופר בלאזן, אזוי הער איך קריאת המגילה, און אזוי זאג איך די הגדה, און אזוי דאווען איך ביי רבי אלימלך, און אזוי פועל איך מיינע ישועות! אזוי איז מיין דרך אין עבודת השם! ווען עס קומט צו איבערגעשטרענגטע צייטן, איך ווער פארפרוירן, און אזוי דאווען איך, און אזוי גיי איך אן מיט מיין תורה ומצוות! 'אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו' דער הייליגער באשעפער פאדערט פון מיר נישט אנדערש, ער פאדערט פון מיר נישט בעסער, און איך בין צופרידן פון דעם!

אבער קודם דארף מען קלאר מאכן, אז עס איז נישט דא זייטיגע שטערונגען.

יעצט, אפילו עס איז יא דא זייטיגע שטערונגען. למשל, ער האט יא אביסל מורא צו פארן אויף א פליגער, אדער עס איז אים יא שווער ווען עס איז אים אומבאקוועם, און ער האט נישט אלע זיינע באקוועמליכקייטן, אבער ער וויל נאך אלס פארן, ער וויל אבער נישט אז די בלבול המחשבה זאל אים שטערן פון זיין אויפן ציון פון רבי ר' אלימלך, ער וויל פארן בשמחה.

די תשובה פאר דעם איז: אז ער זאל זאגן פאר זיין מחשבה, איך האב אלעס איבערגעטראכט, עס איז אמת אז איך האב געוויסע אנגעצויגנקייטן פון די אלע זאכן, אבער איך האב מחליט געווען עס גייט מיר נישט שטערן, און אזוי גיי איך פארן, און אזוי גיי איך פועל'ן, אזוי גיי איך דאווענען, דאס איז מיין האבן געווען ביי רבי ר' אלימלך.

די זעלבע זאך ווען מען פארט צו 'רבי ישעי'לע' און די זעלבע זאך ווען מען פארט צום 'בעל שם טוב הק" און ווען מען פארט צו אנדערע מקומות הקדושות. און די אמת איז, אז מען געוויינט זיך צי אין לעבן בכלל, יעדע זאך וואס די מחשבות מאכן שפירן א מענטש שלעכט, כאילו דו גייסט גארנישט אויפטון, כאילו דו טוסט נישט אויף, כאילו דו קומסט נישט אן. ענטפערט מען: דאס איז מיין עבודת השם, אזוי ארבעט איך, אזוי טו איך, דאס איז מיין עבודת השם פארן אייבערשטן, דאס איז מיין תפקיד, דאס איז מיין תכלית, און איך שפיר מיך גוט דערמיט, איך שפיר גוט מיט וויאזוי איך בין, זאל זיין אזוי, זאל זיין אזוי. הצלחה ברכה און סייעתא דשמיא.

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

# פרקי חינוך

## ארבעט אויף דיר
## צוזאמען מיטן חינוך חלק ח׳

### ׳איך זענט נישט קיין פראבלעמען׳

מיר דארפן צוגיין צו אונזערע קינדער ״איר זענט נישט קיין פראבלעמען״. די מהלך החינוך אין די וועלט, איז פארקערט אונז זיך מיר פראבלעמען אויף קינדער, ׳דו דארפסט לערנען מיט פריוואט׳ ׳דו קענסט נישט קומען פארטאגס׳ ׳דו קענסט נישט שלאפן אין דארמעטארי׳ ׳דו טארסט נישט קומען׳ ׳דו טארסט נישט רעדן׳ ׳דיך וועל איך קנס׳ענען׳... איר ווייסט וואס קינדער ווינען זיך אויס צו אונז דא?! די שפראך וויאזוי מען צעקלאפט זיי, צי אין שטוב, צי אין די מוסדות... איך רעד נישט יעצט מיאוס׳ע שפראך, צעקלאפטע שפראך, אויף אן אופן וואס עס איז נישט איידל. איך רעד פון מאכן שפירן ׳דו ביסט פראבלעמאטיש׳.

איך האב געהאט די וואך א בחור, זאגט ער מיר ׳איך האב נאך היינט נישט געלייגט תפילין, און איך גיי נישט לייגן תפילין!׳... פרעג איך אים: ״פארוואס? איך גיב דיר מיינע תפילין!״.

זאגט ער: ניין, ווייל אלע יארן, מען מוטשעט אים, מען רודפ׳ט אים, מען זאגסט אים, דו ליידסט אויף דעם, מען גייט צו די הילף, מען גייט דא, מען גיבט אים מעדעצינען. איך לייד נישט אויף גארנישט! איך האב געהערט די פנים מאירות שיעורים, איך בין א געזונטער מענטש! מען רודפ׳ט מיר פאר גארנישט!

און ער האט מיר אנגעצייכנט געוויסע זאכן וואס ער מוטשעט זיך אין לעבן, און ער האט געוואוסט וועלכע שיעורים צו הערן. ׳איך וואלט געהאלפן געווארן! אבער ווען די מענטשן ארום מיר זאלן אויף הערן פנים מאירות שיעורים! זיי הערן עס נישט!׳. ער וויל מער נישט לערנען, נישט דאווענען! ער וויל נישט זיין א גוי ח״ו, ער וויל נישט זיין קיין כופר, ניין, חלילה! ער וויל מען זאל אים אויפהערן מוטשענען, קיינער זאל אים נישט איינטיילן וואס צו טון, ער וויל אליינס זיך טרעפן זיין געזונטע לעבן, און דעמאלסט אנפאנגן היטן אידישקייט. דאס איז א מעשה שהיה, פרשת וירא, תשפ״ד. זיין טאטע און מאמע זענען ביידע דארט געווען, און זיי האבן מודה געווען, זיי האבן אים אלע יארן, צוזאמען מיט די מחנכים, געהאלטן פאר פראבלעמאטיש. כוח הפועל בנפעל, ער איז געווארן פראבלעמאטיש.